**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/7/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז געניצטע קאַרס ווערן פארקויפט מיט פונקציאנירנדע עירבעגס**

***לעגיסלאציע (S.1834-A/A.394-A) וואס ווערט אנגערופן "אנטאני אמאראָס געזעץ" פארבאט געניצטע קאַר דיעלער פון פארקויפן קאַרס אויף ריטעיל אן צו פארמאגן פונקציאנירנדע עירבעג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וועלכע פארבאט געניצטע קאַר דיעלערס פון פארקויפן קאַרס אויף ריטעיל אן קיין פונקציאנירנדע עירבעג. דער ביל ווערט אנגערופן "אנטאני אמאראָס געזעץ" נאך א יונגער מאן פון ראקלענד וועלכער איז אומעקומען אין א קאַר קראך אין א קאַר וואס איז, אן זיין וויסן, אים פארקויפט געווארן אן קיין עירבעגס. אונטער די דאזיגע לעגיסלאציע מוזן סערטיפיקאטן וועלכע ווערן געגעבן פאר קאַר קויפער באשטעטיגן אז דער קאַר איז אויסגעריכטעט מיט אן עירבעג, ווי אויך א גרייטקייט-אנציכן-לעמפל וואס צייגט אז דער עירבעג פונקצאנירט.

"יעדע ניו יארקער קומט זיך צו זיין סעיף אויף די ראוד און הינטערן רעדל," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז קריטיש וויכטיג אז דרייווערס האבן די באשיצונג פון אן עירבעג אין פאל עס טרעפט א טראגעדיע, און צוליב דעם איז די לעגיסלאציע אזוי וויכטיג. עס איז מיר א כבוד אונטערצושרייבן דעם ביל אלס געזעץ אין אנדענק פון אנטאני אמאראס און איך בין דאנקבאר צו זיין פאמיליע פאר זייער שתדלנות צו פארעהרן זיין אנדענק."

צו דער איצטיגער צייט איז נישט דא קיין פארלאנג אז א געניצטע קאַר פארקויפט דורך א דיעלער זאל מוזן האבן א פונקציאנירנדע עירבעג. דאס לאזט איבער דרייווערס אומבאשיצט, ווייל זיי קענען אפערירן א קאַר אן איינע פון די מערסט קריטיש-וויכטיגע סעיפטי מיטלען, און פאטענציעל אן אפילו וויסן דערפון. דורך פארלאנגען אז אלע געניצטע קאַרס זאלן דארפן האבן א פונקציאנירנדע עירבעג, קענען קאַר קויפער האבן די פארזיכערונג אז זייער קאַר איז סעיף צו דרייוו׳ען.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקאופיס האט געזאגט,** "מיט דעם ׳אנטאני אמאראס געזעץ׳ איצט אויף די ביכער, וועלן אומצאליגע לעבנס געראטעוועט ווערן אויף די ראוד. איך בין טיף דאנקבאר צו ראקלענד קאונטי׳ס אמאראס פאמיליע פאר זייער אומוואקלדיגע אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן אז דרייווערס איבערן גאנצן סטעיט ווערן באשיצט הינטערן רעדל. איך וויל אויך באדאנקען מיין קאלעגע, אסעמבלי-מיטגליד זעבראוווסקי, פאר זיין אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו זעהן אז די דאזיגע לעגיסלאציע זאל זיך ציען איבער די פיניש ליין, און צו גאווערנער האקול פאר׳ן באשיצן ניו יארק׳ס דרייווערס."

**אסעמבלי-מיטגליד קען זעבראוווסקי האט געזאגט,** "דער געזעץ מאכט ניו יארק מער זיכער פאר מאטאריסטן און פארעהרט א מערקווירדיגער יונגער ראקלענדער. ווען א קאַר קומט כלומרשט מיט אן עירבעג, און די עירבעג פעלט אדער ארבעט נישט, ערווארט א טראגעדיע. איר קענט נישט פארקויפן א קאַר אן סיטבעלטס, און איצט קענט איר נישט פארקויפן א אויסגעריכטעטע קאַר אן קיין עירבעג. א

דאנק אייך גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן די לעבנס-רעטנדע מאסנאם און צו די אמאראס פאמיליע פאר זייער צוזאמענארבעט און זייער איינדרוקספולע שתדלנות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן